**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/19/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט פארבעסערונגען פאר שטאטישע געסער אלץ טייל פון קענזינגטאן עקספרעסוועי פראיעקט אין די סיטי אָוו באפעלאו

***פארבעסערונגען וועלן געמאכט ווערן אויף געסער וועלכע וועלן מעגליך גענוצט ווערן אלץ אומוועג***

***אנאנס קומט שטייענדיג פאר יוני 20 פובליק באגעגענישן אלץ טייל פון אנגייענדע פובליק באטייליגונג פראצעדור***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז אלץ טייל פון דעם קענזינגטאן עקספרעסוועי פראיעקט, פלאנירט די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט ( Department of Transportation, DOT) אין צוזאמענארבעט מיט די פעדעראלע הייוועי אדמיניסטראציע צו מאכן פארבעסערונגען צו אומגעפער ניין מייל פון לאקאלע געסער און צו פארבעסערן אקאמאדאציעס פאר פיסגייער אין געסער ארום דעם פראיעקט. איבערגעאסענע פעך, פארבעסערטע טראטוארן און אנדערע פארבעסערונגען וועלן געמאכט ווערן אויף געסער אויף ביידע זייטן פון די עקספרעסוועי אלץ טייל פון דעם פראיעקט'ס ציהל צו פונדאסניי פארבינדן געגנטער און פארשטערקערן לאקאלע קאמיוניטיס וועלכע זענען אפעקטיילט געווארן דורך די קאנסטרוקציע פון די הייוועי. די אנאנס איז געמאכט געווארן שטייענדיג בעפאר פובליק באגעגענישן וועלכע קומען פאר מארגן ביי די באפעלאו וויסנשאפט מוזעאום פון 11:00 פארמיטאג ביז 2:00 נאכמיטאג און פון 5:00 ביז 8:00 אוונט צו איבערגעבן פאר די קאמיוניטי די לעצטע נייעס איבער די פארשריט פון דעם פראיעקט אזוי ווי דער ענווייראמענטאלע אפשאצונג פראצעדור גייט ווייטער אן.

"דער קענזינגטאן עקספרעסוועי פראיעקט איז א פרעצעדענטלאזע געלעגנהייט צו פאררעכטן די אומרעכטן פון די פארגאנגענהייט וועלכע האבן צוטיילט די איינוואוינער פון איסט באפעלאו און זיי בארויבט פון די קריטישע שטחים פון זייער קאמיוניטי," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דער פראיעקט וועט אונז ערלויבן נישט נאר צו צוריק צוזאמברענגען די קאמיוניטיס נאר אויך זיי צו גיבן די אינפראסטרוקטור וואס וועט זיי העלפן אויפבויען א לעכטיגערע צוקונפט פאר איסט באפעלאו. איינוואוינער וועלן האבן א מער איינוואוינער-פריינטליכע, פיסגייער-פריינטליכע און בעסער פארבינדענע קאמיוניטי א דאנק דעם פראיעקט פאר מערערע דורות."

פלענער וועלכע ווערן יעצט אנטוויקלט רופן פאר לאקאלע געסער אין די גרעניצן פון דעם פראיעקט צו אפגעקראצט ווערן און פונדאסניי איסגעפלאסטערט ווערן מיט פעך. טראטוארן און די פלעצער וואו זיי ווערן נידעריג ביי די עק פון די געסער און נעבן דרייוועיס וועלן ערזעצט ווערן און פארבעסערט ווערן ווי נויטיג צו נאכקומען די פאדערונגען פון דעם אמעריקאנער מיט דיסאביליטיס געזעץ ( Americans with Disabilities Act) און פארגרינגערן די באוועגונג און זיכערהייט פאר פיסגייער. באלייכטונג אויף די גאס און טראפיק סיגנאלן וועלן אויך מאדערניזירט ווערן ווי נויטיג. נייע גראז אוןביימער וועלן אויך מעגליך

אריינגערעכנט ווערן. די ארבעט וועט געטוהן ווערן צווישן Wohlers Avenue און Fillmore Avenue פון Genesee Street/High Street פון די דרום זייט ביז Northland Street צו צפון.

צוזאמען מיט די צוגאב פון געסן פארבעסערונגען און פארבעסערטע פיסגייער אקאמאדאציעס, רעכענען אנדערע ענדערונגען אריין דאס צולייגן א אפציע פון א ראַונד-עבאַוט וואס פארברייטערט Best Street אין צוגאב צו די פריערדיגע דיסקוסירטע אפציע צו מאכן אן אינטערסעקשען מיט טראפיק סיגנאלן.

גאווערנער האקול'ס היסטארישע 32.8 ביליאן דאלארדיגע פינף-יאריגע טראנספארטאציע דעפארטמענט אינוועסטירונג פלאן איז אנגענומען געווארן אלץ טייל פון די סטעיט'ס בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2023 רעכנט אריין געלטער צו צוריק פארבינדן די מזרח און מערב געגנטער אויףביידע זייטן פון די טיפע טייל פון די קענזינגטאן עקספרעסוועי אין איסט באפעלאו און צוריקברענגען די גרינע שטח וואס איז געווען אויף די זייטן פון די האָמבאָלדט פארקוועי — אן מוותר זיין אויף די לאנג-טערמיניגע קאפאציטעט פון די וויכטיגע ראיאנישע טראנספארטאציע פארבינדונג וואס די עקספרעסוועי ברענגט.

אין דעצעמבער פון 2022 האט די DOT, אין קאאפעראציע מיט די פעדעראלע הייוועי אדמיניסטראציע, פארענדיגט די ['סקאָופינג' באריכט](#) פאר דעם קענזינגטאן עקספרעסוועי פראיעקט וואס שילדערט די אלטערנאטיווע געבוי וואס זאל ווייטער שטודירט ווערן אין דעם ענווייראמענטאלן פראצעדור. די אלטערנאטיווע געבוי רעכנט אריין דאס ערזעצן די עקספרעסוועי וואס איז טיפער פון די ערד ארום מיט א טונעל מיט זעקס ליניעס צווישן Dodge Street און Sidney Street, און אזוי אויך פארבעסערטע פארבינדונגען אין די קאמיוניטי. די ענווייראמענטאלע איבערבליק גייט ווייטער אן בשעת די DOT קוקט איבער געלעגנהייטן צו אויפבויען נייע אפענע פובליק פלעצער און פארשטערקערן זיכערהייט פאר ביציקליסטן און פיסגייער. די קענזינגטאן עקספרעסוועי פירט בערך 80,000 קארן פער טאג.

די קענזינגטאן עקספרעסוועי, געבויט אין די 1950'ער און די 1960'ער יארן, האט ערזעצט דאס וואס איז בעפאר דעם געווען א לאנגע גאס מיט בוימער לענגאויס די ראוד – די היסטארישע האָמבאָלדט פארקוועי וואס איז דעזיינט געווארן דורך פרעדעריק לאו אָלמסטעד – מיט א טיפע הייוועי וואס האט אפגעהאקט די פארבינדונג צווישן די ארומיגע געגנטער. מיט ביז אזויפיל ווי 1 ביליאן דאלאר אוועקגעלייגט דורך גאווערנער האקול פאר דעם פראיעקט אין איסט באפעלאו, וועלן די געגנטער וועלכע זענען אומרעכטיג צוטיילט געווארן דורך די קענזינגטאן עקספרעסוועי'ס אריגינעלע געבוי פאראייניגט ווערן פונדאסניי.

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס קאנצענטראציע אויף דאס אינוועסטירן אין מענטשן און צוריק צו פארבינדן קאמיוניטיס אריבער ניו יארק ווערט דירעקט אפגעשפיגלט אין דעם פראיעקט, און אין איינקלאנג דערמיט ארבעט די טראנספארטאציע דעפארטמענט צוזאמען מיט די קאמיוניטי — זיך איינהערנדיג און מאכנדיג ענדערונגען צו דעם פראיעקט ווי נויטיג און אנטוויקלענדיג נייע פארשלאגן וועלכע וועלן פארזיכערן סיי זיכערהייט און סיי די קוואליטעט פון לעבן פאר די בירגער פון איסט באפעלאו. די קענזינגטאן עקספרעסוועי'ס אריגינאלע קאנסטרוקציע האט געמאכט א לאך אין די הארץ פון איסט באפעלאו. דער פראיעקט וועט העלפן אנפילן די לאך בשעת'ן היילן די וואונדן וואס די קאנסטרוקציע פון די עקספרעסוועי האט פאראורזאכט פאר איינוואוינער אויף ביידע זייטן פון די [רוט] 33."

אלעס צוזאמען, רעכנט די טראנספארטאציע דעפארטמענט'ס אינוועסטירונג פלאן אריין כמעט 3 ביליאן דאלאר פאר אינפראסטראקטור פראיעקטן וועלכע שטופן פאר גלייכקייט, פארבינדונג און געלעגנהייט פאר מערערע טראנספארטאציע מיטלען פאר קאמיוניטיס איבער גאנץ ניו יארק סטעיט. אין צוגאב צו דעם קענזינגטאן עקספרעסוועי פראיעקט אין איסט באפעלאו, רעכענען די פראיעקטן אריין דאס איבערבויען די Bruckner-Sheridan אינטערטשעינדזש ביי האָנטס פוינט אין די בראנקס; איבערמאכן

די יעצטיגע 'אינער לופּ פּריוועי' צו ווערן א גאס פאר די קאמיוניטי אין ראטשעסטער; דער I-81 וויעדאָקט פראיעקט אין סירעקיוס; און דאס איבערדעקן טיילן פון די קראס-בראנקס עקספּרעסוועי אין די בראנקס.

חוץ פון דעם איז פריער דעם יאר אנאנסירט געווארן אז 55.59 מיליאן דאלאר אין אינפראסטרוקטור קאנסטרוקציע גרענט געלטער זענען צוגעטיילט געווארן פאר דעם קענזינגטאן עקספּרעסוועי פראיעקט דורך די פאראייניגטע שטאטן טראנספּארטאציע דעפּארטמענט'ס 'צוריק-פארבינדן קאמיוניטיס פראגראם' (Reconnecting Communities Program). דער פראגראם וואס איז אויפגעשטעלט געווארן דורך פרעזידענטביידן'ס אומפּארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ ( Bipartisan Infrastructure Law) איז אן ערשטמאליגע איניציאטיוו צו פארבינדן פונדאסניי קאמיוניטיס וועלכע זענען אפּגעהאקט געווארן פון געלעגנהייטן און באלעסטיגט געווארן דורך פארגאנגענע טראנספּארטאציע אינפראסטרוקטור באשלוסן. דער קענזינגטאן עקספּרעסוועי פראיעקט איז איינס פון 45 פראיעקטן וועלכע באקומען א היסטארישע 185 מיליאן דאלאר אין גרענט געלטער.

די טראנספּארטאציע דעפּארטמענט וועט פארזעצן מיט אירע באמיאונגען צו ארבעטן צוזאמען מיט די פובליק אזוי ווי דער ענווייראמענטאלע אפּשאצונג פראצעדור מאכט פארשריט און איז ערווארטעט צו ארויסקומען מיט אן ערשטיגע ענווייראמענטאלע אפּשאצונג פאר די פובליקום צו איבערקוקן אין זומער פון 2023. אן עפנטליכע געהער איבער די אפּשאצונג איז פלאנירט פאר הערבסט 2023.

**סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שומער האט געזאגט,** "פאר צענדליגע יארן זענען באפעלאו'ס געגנטער צוטיילט געווארן דורך די קענזינגטאן עקספּרעסוועי, אבער א דאנק דעם 'אומפּארטייאישן אינפראסטרוקטור און דזשאבס געזעץ' (Bipartisan Infrastructure & Jobs Law) וואס איך האב געפירט צו אריבערגעפירט ווערן און א דאנק די גוואלדיגע פירערשאפט פון גאווערנער האקול, פאררעכטן מיר די אומרעכטן פון די פארגאנגענהייט און מיר טראנספארמירן די צוטיילנדע איבערבלייבעניש פון די פארגאנגענהייט צו אויפטרייבן נייע עקאנאמישע געלעגנהייטן אין באפעלאו'ס איסט סייד. איך האב זיכער געמאכט אז באפעלאו איז געווען צווישן די ערשטע אינעם לאנד צו אויסנוצן דעם היסטארישן 'צוריק פארבינדן קאמיוניטיס פראגראם' (Reconnecting Communities Program), באקומענדיג א ריזיגע איבער-55 מיליאן דאלארדיגע פעדעראלע אינוועסטירונג, און מיר הויבן בלויז אן. די פארבעסערונגען צו די געסער היינט וועלן העלפן גיבן א זיכערערע רייזע פאר דרייווערס און פיסגייער צוגלייך, און איך בין שטאלץ צו ארבעטן צוזאמען מיט גאווערנער האקול צו העלפן צוריק פאראייניגן באפעלאו'ס איסט סייד און דערנעבנדע געגנטער וועלכע זענען אומגערעכטערהייט צוטיילט געווארן דורך די קענזינגטאן עקספּרעסוועי, און איך וועל נישט אויפהערן קעמפן ביז מיר פאררעכטן די 50-יעריגע אומרעכט."

**קאנגרעסמאן ברייען היגינס האט געזאגט,** "אזוי ווי מיר ארבעטן צו צוריק פארבינדן א קאמיוניטי, מוזן מיר קוקן ווייטער פון א צוטיילטע הייוועי און טרעפן וועגן צו ברענגען די לאנג-בלייבנדע טוישן וואס קומען זיך פאר מענטשן. די צוגאנג פארבעסערט פיסגייער-פריינטליכקייט, זיכערהייט און די לענדסקעיפּינג אויף א שטח וואס פארשפרייט זיך איבער איין סקווער מייל ארום די קענזינגטאן. א דאנק די פעדעראלע און סטעיט פינאנצירונג, צוזאמען מיט א שטארקע פארפליכטונג דורך גאווערנער האקול, סענאטאר קענעדי און מאיאריטעט פירערין פּיפּלס-סטאָוקס, ברענגען מיר א טראנספארמאציע וואס קומט אן אינעווייניג אין די געגנטער."

**סטעיט סענאטאר טים קענעדי האט געזאגט,** "פארברייטערן די פארנעם פון דעם היסטארישן פראיעקט צו איבערמאכן די קענזינגטאן עקספּרעסוועי דורכן אריינרעכענען די ארומיגע קאמיוניטיס וועט פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר נאך מער איינוואוינער פון באפעלאו'ס איסט סייד. איך קוק ארויס צו הערן די מחשבות פון די שכנים ביי די בעפארשטייענדע פארזאמלונגען, און איך בין זיכער אז זייערע קאמענטארן וועלן פארזעצן צו ווייזן די וועג פאר די באשלוסן פון די NYS DOT. א דאנק פאר די

קאמיוניטי מיטגלידער, אריינרעכענענדיג די Restore Our Community Coalition ('ברענגט צוריק אונזער קאמיוניטי קאאליציע'), פאר זייער איבערגעגעבנקייט און פארפליכטונג צו דעם וויכטיגן פראצעדור."

**אסעמבלי מאיאריטעט פירערין קריסטאל פיפלס-סטאָוקס האט געזאגט,** "די אנאנסירטע ארטיגע אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען זענען גאר פריידיגע בשורות אלץ צוגאב צו דעם פראיעקט. פארשטערקערטע פובליק זיכערהייט, צוגענגליכקייט און פארשענערונג וועלן נאך מער באררייכערן די קוואליטעט פון לעבן פון ארטיגע איינוואוינער. א דאנק פאר די NYS DOT פאר איר שעפערישקייט און מעגליכקייט צו פארברייטערן פראיעקט בענעפיטן אריין אין די ארומיגע געגנטער."

**ערי קאונטי עקזעקיוטיוו מארק סי. פאלאנקאַרז האט געזאגט,** "די פארבעסערונגען לייגן צו פארבינדונג און מער פריינטליכקייט צו פיסגייער פאר די איינוואוינער פון די געגנט וואו דער פראיעקט קומט פאר, און עס וועט זיין פאר די גוטס פון די קאמיוניטי."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן